**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 30/01/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## ICYMI: גאווערנער האקולס מיינונג ארטיקל אין דער ניו יארק דעילי ניוז לאמיר מסכים זיין צו העלפן פאמיליעס וואס טרויערן איידער דעם היינטיגן האלבער נאכט טערמין

היינט, האט דער דעילי ניוז געדריקט א מיינונג ארטיקל פון גאווערנער האקול וועגן די פאמיליע טרויער צו טון עפעס איידער דער טערמין ענדיגט זיך. דער טעקסט פון דעם מיינונג ארטיקל קען מען לייענען אונטן און קען ווערן געזען אנליין [דא](#).

*מ'האט אסאך ארומגערעדט וועגן די מעלות פון ענדערן ניו יארקס אומיושרדיגע טויט געזעץ, ערשט איינגעפירט געווארן אין 1847. דער היינטיגער געזעץ ערלויבט מענטשן ארויסבאקומען געלטער געשעדיגט פון דער פארלוסט פון א באליבטען, געמאסטן אין עקאנאמישן אימפאקט, אן קאמפענסירן פארן גייסטישן אנווער.*

*אלץ איינע פון די עלטערן, ווייס איך ווי טייער אונדזערע קינדער זענען פאר אונדז, און איך ווייס ווי חרוב-מאכנדיג עס מוז זיין פאר א פאמיליע צו געוואר ווערן אז לויטן ניו יארק געזעץ איז דאס לעבן פון זייער קינד ווייניגער ווערד ווי איינער וואס פארדינט א געהאלט. איך טו אויך אנערקענען אז דער געזעץ אזוי ווי ס'איז יעצט, שאצט אפ לעבנס לויטן פאטענציאל פון דער פארדינסט מעגלעכקייט, פארשטערקערט היסטארישע מוסטערן פון פונדעמענטאלע אומיושר און ראסיזם. דאס איז איינע פון אסאך ערטער פון אומגערעכטיגקייט וואס איז געבליבן אין אונדזער לעגאלע סיסטעם, מיר טארן קיינמאל נישט אויפגעבן די וויכטיגע ארבעט פון מאכן נייטיגע ענדערונגען.*

*איך האב געהערט די אנגעווייטיגטע מעשיות פון אסאך משפחות פון קינדער וואס זענען פארלוירן געווארן אין שרעקלעכע עקסידענטס, וואס ווילן פשוט יושר און צו וויסן אז דאס לעבן פון זייער קינד האט א חשיבות אין די אויגן פון געזעץ. און איך בין מסכים מיט זיי.*

*די שאלה איז ווי אזוי. פאר א יארן, האט די לעגיסלאטאר אנגענומען א געזעץ, דער פאמיליע טרויער אקט, וואס וועט גילטן א גענצלעכע ראמאנטירונג פונעם אומיושרדיגן טויט סכעמע. עס וועט דראסטיש פארברייטערן געניסערס, קאטאגאריעס פון שאדנס, און דאס פארעלטער געזעץ.*

*עקספערטן האבן אונטערגעשטראכן זארגן אז די נישט-מכיוונדיגע קאנסעקווענצן פון דער ווייטגרייכנדיגע, אויסשפרייטנדיגע לעגיסלאציע וועט זיין ממשותדיג. עס איז שכל'דיג צו טראכטן אז די לעגעסלאציע לויט ווי עס איז געשריבן וועט ארויפטרייבן די שווין-הויכע העלט אינשורענס פרעמיעס, צולייגנדיג היפש קאסטן פאר אסאך סעקטארן פון אונדזער עקאנאמיע, ספעציעל שפיטעלער וואס קריכן נאך ארויס פון דער פאנדעמיק און מוטשן זיך נישט אונטערצוגיין - ווי אויך פובליק שפיטעלער וואס דינען בא'עוולטע קאמיוניטיס. דאס איז א פראגע וואס וועט בענעפיטן פון פארזיכטיגע אנאליז איידער, נישט נאך, אדורכפירן ארומנעמיגע לעגיסלאציע.*

*דער ביל איז אדורכגעפירט געווארן ביי דער סאמע ענדע פון דער לעגיסלאטיווע סעסיע; דער ביל איז באשטעטיגט געווארן אין דער קאמיטעי און אפגעשטימט געווארן ביי ביידע די אסעמבלי און דער סענאט, אין פול, ממש אינעם זעלבן טאג. וואס האט געפעלט איז אן ערנסטע אפשאצונג פון דער השפעה פון די מאסיווע ענדערונגען אויף דער עקאנאמיע, קליינע ביזנעסעס, יחידים, און די סטעיטס קאמפליצירטע העלט קעיר סיסטעם.*

*דאס איז זייער אן עמאציאנעלע און קאמפליצירטע ענין, וואס דארף ווערן באהאנדלט מיט מחשבה און באלאנס: אונדזער ציל מוז זיין צו באקומען יוסטיץ פאר די משפחות וואס טרויערן אן צוברענגען די עקאנאמיע צו דריקונג.*

*איך גלויב אז פאמיליעס וואס האבן פארלוירן א באליבטע אומיושר'דיג זאל קענען באקומען באדייטיגע קאמפענסאציע, און וויל טון די שווערע ארבעט נייטיג צו געפונען לייזונגען וואס וועט אנטרעפן א ריכטיגע פשרה. אלץ אן ערשטע שריט, האב איך מציע געווען פארן לעגיסלאטאר אז מיר זאלן אמענדירן די לעגיסלאציע און חתמ'נען א געזעץ-פראיעקט ווערסיע וואס וועט געבן די עלטערן פון די קינדער וואס זענען טראגיש געשטארבן אין עקסידענטן די געלעגנהייט צו זוכן ווערטיגע אחריות פאר זייער הארץ-רייסנדיגע פארלוסט בשעת'ן באפרייען פון אסאך טייערער מעדיצינישע קרום-באהאנדלטע תביעות.*

*דער צוגאנג אנערקענט אז פארברייטערן די אומיושרדיגע טויט סכעמע מוז געטון ווערן אויף א מעטאדישן קלוגן אופן. עס וועט אונדז געבן צייט צו קוקן אויף דאטא און זיך ראנגלען מיט קאמפליצירטע ענינים, אזוי ווי אונדזער סטעיטס זעלטענע קאנסטיטוצישע איסור קעגן לייגן גרענעצן אויף שאדנס.*

*עס איז נישט קיין חילוק צו דער לעגיסלאציע איז מסכים מיר זאלן נעמען די ערשטע שריט צו פארברייטערן דעם צוגאנג צו ישרות, די אימפאקטן פון בייטן דעם אומיושרדיגן טויט געזעץ אין ניו יארק, קוקנדיג אויף עמפירישע דאטא און די איבערלעבונגען פון אנדערע סטעיטס, זאלן ווערן אנאליזירט. דאס וועט העלפן פארזיכערן אז מיר האבן די אינפארמאציע וואס פעלט אונדז יעצט אזוי ווי מיר שאצן אפ נאך מער וויכטיגע פארברייטערונגען צום געזעץ.*

*מיר מוזן גענצליך פארשטיין די השפעות פון פאטענציאלע ענדערונגען אויף קליינע ביזנעסעס, פאמיליעס, דאקטוירים, און נורסעס, שפיטעלער וואס מוטשן זיך אין בא'עוול'טע קאמיוניטיס, און די אלגעמיינע עקאנאמיע צו פארזיכערן אז אומגעוואונטשענע רעזולטאטן טוען נישט פארשאטענען דאס גוטס וואס מיר קענען טון פאר די משפחות וואס טרויערן.*

*אָן קיין הסכם צו דעם יושרדיגן פארשלאג וואס מיין אדמיניסטראציע האט געמאכט מיט א חודש צוריק, איז פאראן א ריזיקע אז דער צייט פאר אקציע וועט זיך אויסלאזן היינט האלבע נאכט. און דאס וועט זיין נאך איין באליידיגונג צו די פאמיליעס וואס טרויערן וואס קוקן צו אונדז צו טון וואס איז ריכטיג.*

*איך טו אקטיוו שטיצן די לעגיסלאטאר זאל זיך פאראייניגן מיט מיר אנצונעמען ווערדיגע פאראויסדיגע שריט כדי די עלטערן וואס טרויערן פאר דער פארלוסט פון זייערע קינדער פון עקסידענטן זאלן סוף כל סוף באקומען יוסטיץ וואס זענען געווען פארלייקנט פאר די לעצטע 176 יאר.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418